STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02673

# YITSHAK-LEYBUSH PERETS

Zalman Rejzen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02673-5

9780657026738T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

5

ז. רייזען.

# יצחק-לייבוש פרץ.

## זיין לעבן און זיינע ווערק.

ביבליאָטעק
„גרינינקע ביימעלעך“.

ארויסגעגעבן דורך דער
צענטר. ייד. שול-אָרג. ווילנע.

זעצעריי פון דער ייד. צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע. 1921.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., ווילנע, טראָקער גאַס 13.

**יצחק-לייבוש פרץ,**

געב. אין זאַמאָשץ לובל. גוב. ל״ג בעומר תרי״א 25 מאי 1851 יאָר,
געשטאָרבן אין ווארשע חול-המועד פסח תרע״ה (21 מערץ 1915 יאָר).

## א. פּרצעס קינדהייט.

דער גרויסער יידישער שרייבער יצחק־לייבוש פּרץ איז געבאָרן געוואָרן ל״ג בעומר תרי״א (דעם 25־סטן מאַי פון יאָר 1851) אין דער שטאָט זאַמאָשץ, לובלינער גובערניע.

ווער ווייס, ווי עס זעט אַצונד אויס די שטאָט, וואו פּרץ איז געבוירן געוואָרן און וואו ער האָט פאַרבראַכט די יאָרן פון זיין קינדהייט און יוגנט. די גרויסע וועלט־מילחמה, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ ווילדן בלוטיקן שטראָם צעגאָסן איבער דער ערד, האָט אויך ניט אויסגעמיידט פּרצעס רואיקע און שטילע געבורטס־שטאָט. ווער ווייס, צי איז זאַמאָשץ אַרויס גאַנץ פון דעם דאָזיקן בלוטיקן פעלקער־געראַנגל, ווער ווייס, צי זיינען נאָך גאַנץ געבליבן אירע גאַסן און פּלעצער, צי שטייט נאָך אומבאַשעדיקט דאָס הויז, וואו ס'איז געשטאַנען אַמאָל די וויג פון אונזער גרויסן דיכטער?

דאַמאָלסט, מיט העכער זעכציק יאָר צוריק, אין די ערשטע יאָרן פון פּרצעס קינדהייט, איז זאַמאָשץ נאָך געווען אַ פעסטונג אויף דער גרעניץ צווישן רוסלאַנד און עסטרייך, אַרומגעצוימט מיט גריבער, וואַסער, וואַלן און הויכע מויערן. אויף די מויערן זיינען געשטאַנען האַרמאַטן און זעלנער מיט ביקסן האָבן זיי געהיט, מאַרשירנדיק הין און צוריק ערנסט און שווייגנדיק. און קוים איז נאָר צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען אויפגעהויבן די אייזערנע בריק איבערן וואַסער, פאַרשלאָסן אַלע טויערן און אָפגעריסן דאָס שטעטל פון

דער איבעריקער וועלט ביז אינדערפרי. ביי יעדן פארמאכטן טויער איז געשטאנען א וואך, באוואפנט פון קאפ ביז די פיס.

ערשט ניט לאנג, בייטאג, זיינען אלע פריי געווען, מען האט געמעגט גיין ארויס און אריין, ניט געדארפט זיך אנפרעגן ביים פלאץ־מאיאר. אבער צוזאמען מיט דעם אונטלאכן שאטן פלעגט זיך פארשפרייטן א שוידער איבער דעם גאנצן שטעטל. מענטשן און הייזער ווערן פלוצלונג איינגעהויקערטער, מען ציט די בריק, די אייזערנע קייטן רייבן זיך אן די אומגעהייערע בלאקן; דאס אייזערנע קראצן, די הארטע אפגעריסענע טענער פארן דורך די ביינער. דערנאך פאלט צו א טויער נאך א טויער. יעדן אונט געשעט דאס זעלבע, און דאך ציטערן יעדעס מאל די פיס אונטער דעם מענטש, א שטומפיקע מידקייט, לייגט זיך אויף אלע פנימער אלע אויגן לעשן זיך אויס ווי ביי טויטע, די ברעמען פאלן אראפ ווי בלייערנע, דאס הארץ בלייבט שטיל און מע אטעמט קוים. דערנאך הייבט אן דער פאטרול צו קורסירן אין די גאסן, — עס קלאפן די נאכגעלאזטע שווערדן אן די גרויסע וואסער־שטיוול, די באגנעטן בלישטשען און מען שרייט: „ווער איז דא?״ אויף דעם מוז מען ענטפערן: „א היימישער, אן אייגענער!״ אז נישט, ווייס גאט, צו וואס עס קען קומען. מאנכע פלעגן זיך שוין בעסער פארמאכן אונטער שלאס און ריגל, זיי האבן מורא געהאט זיך אפילו ארויסצווייזן אויף דער גאס. —

אט אזוי האט פרץ גרויסערהייט באשריבן אין איינער פון זיינע שענסטע זאכן, אין „משיחס צייטן״, די זכרונות פון זיינע ערשטע קינדער־יארן אין זאמאשץ, און אויף זיין גאנצן

לעבן האָבן זיך אײַנגעקריצט אין זיין געדעכעניש די מעשות, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אין זאַמאָשץ וועגן דער פעסטונג: אַ מעשה מיט אַ זעלנער פון ערגעץ אַ דאָרף אין טיף רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אַמאָל אַהיים פאַרבענקט, אַנטלאָפן פון קאַזאַרמע געוואָלט אַריבערשווימען דאָס וואַסער, דאָס טיפע קלאָ־רע וואַסער אין די פאָסן*) צווישן די וואַלן פון דער פעסטונג, און צו שווערע שטיוול געהאַט און דערטרונקען געוואָרן. אַ מעשה מיט אַ זעלנער אַ קאַנטאָניסט**)... אַ גאַנצן טאָג ליגט ער אינדרויסן, מיט די אויגן פאַרקוקט און די אויערן אויסגעשפּיצט צו די בית־המדרש־פענסטער צו... ער איז אין דער וואָך וואָס אין דער לובלינער בראָם***), און די לובלינער בראָם קומט אויס אַנטקעגן די בית־המדרש־פענסטער. און נאָך „זאָרעס"****), אַז די וואָך גייט אויף און אָפּ, פאַרגנבעט זיך דער קאַנטאָניסט אין בית־המדרש אַריין און זעצט זיך לערנען... האָט מען אים אַמאָל געכאַפּט און אויפן פּלאַץ, צווישן וואַך און בית־המדרש, „סקוואָז סטרוי" גע־טריבן. בלוט האָט געשפּריצט, ער האָט קיין קרעכצט נישט געטאָן. מיט זיין איינגעשפּאַרטן שווייגן האָט ער אין צאָרן אַריינגעבראַכט דעם אָפיציר, וואָס איז דערביי געשטאַנען: „וואָט זשיד!" — האָט דער אָפיציר אַ קאָמאַנדיר געטאָן — זשיוועי, רעביאַטאַ!". און עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ שמייסעניש... אין בית־המדרש האָט מען געחלשט... די קלאָג אין עזרת־נשים, וואו ווייבער זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן, איז אין לשער. אַכציק ריטער האָט ער באַקומען און פאַר־שוואונדן, ערגעץ פאַרשיקט געוואָרן... אויף לייבושלען האָבן דידאָזיקע מעשות אַ טיפן, אַ שטאַרקן רושם געמאַכט.

---

*) פאסן—גראבנס.

**) קאנטאניסט—א סאלדאט פון אמאליקע צייטן.

***) בראַם־טויער.

****) זארעס—די צייט, ווען די סאלדאטן ווערן גערופן צו רו.

און אין צענדליקער יאָרן אַרום האָט ער אַ סך פון די דאָזיקע מעשות אונז איבערדערציילט אַביסל אין אַן אַנדער פאָרם, אין פאַרשיידענע ווערק זיינע, למשל, אין די „דריי מתנות“. מעשות הערן האָט פרץ ליב געהאַט פון קליינוויינז אויף, אַפילו פון דער פוילישער ניאַניע, וואָס מ׳האָט גענומען צו זיין קלענערן קראַנקן ברודערל, כאָטש ער האָט נאָך ניט גוט דאַמאָלסט פאַרשטאַנען איר פוילישע שפּראַך. דערהויפּט פלעגט לייבושל (אַזוי האָט פרץ געהייסן קינדווייז) ליב האָבן אירע דערציילונגען וועגן חיות און בהמות פון דאָרף. אָפּגעריסן פון דער נאַטור, שטענדיק פאַרברענגענדיק אין שטאָט, וועלכע איז געווען איינגעדריקט צווישן די וואַלן, האָט דער קליינער פרץ מיט אַ באַזונדער חשק געהערט דער גויעס מעשות. באַזונדערס לעבעדיק פלעגט זי פאַרציילן וועגן פריצישע און דאָרפישע הינט, פאַרציילן מיט באַוועגונגען, נאָכמאַכנדיק דאָס בילן, דאָס כאַפּן, דאָס לויפן.

מיט אויפגעשטעלטע אויערלאַך און מיט אַן אָפן מויל פלעגט לייבושל זיך צוהערן צו די מעשות פון זיין ברודערלס ניאַניע און זיין צאַרטע נשמה פלעגט זיך אָפּרופן אויף אַלצדינג, וואָס זי פלעגט דערציילן. און אויך אַז זי פלעגט פאַרוויגן דאָס ברודערל מיט אירע אויסגעצויגענע פוילישע לידער, פלעגט ער מיט אַ האַרצקלאַפּעניש זיך צוהערן און אַ טיפער רחמנות פלעגט אים דורכנעמען אויף דער קליינער אַלטער גויע מיט די שיטערלאַכע ווייסע האָר און מיט דעם אויסגעדאַרט, געשטופּלט פנים, וועלכע איז אַזוי עלנט און פאַרוואָגלט.

לייבושל האָט ליב געהאַט דעם „אונטערן פעסטונג“, האָט ליב געהאַט דעם טייך אונטער דער שטאָט, האָט ליב גע-

האָט דאָס באָדן זיך אין דעם טייך, ליב געהאַט אויסציען זיך אויף דער גרינער לאָנקע ביים טייך און קוקן אין הימל אריין אָדער ווייט ערגעץ אין דער וועלט אריין מיט זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירן הינטער דער שטאָט, דאָרט, וואו מע זעט זי אינגאַנצן ארויס ביים טייך. די הייזער הייבן זיך אַלץ העכער און העכער, איינס איבערן צווייטן, איינס איבערן צווייטן... די, וואָס שטייען ווייטער, ווילן אַריבערקוקן, גאָטס וועלט זען, און הייבן זיך וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער, און די זון, אונטערגייענדיק, קוקט אויף זיי, שפּרייט אויף זיי אויס די לעצטע שטראַלן, געזעגנט זיך, קושט זיי, און ער האָט ליב געהאַט צו קוקן, ווי די שאָטנס יאָגן אונטער די שטראַלן און לייגן זיך אַלץ דיקער און דיקער, און פּליכן און זאַפּן זיך איין, וואו נאָר זיי קענען; ווי זיי פאַרפּילן אַלע לעכער צווישן די הייזער, אַלע פרייע ערטער צווישן די מויערן, און הייבן אָן טרייבן דאָס רויטלאַכע לעצטע ליכט ארויף, ארויף, צוריק אין הימל אריין: „אין אייער רו אריין, שטראַלן, אַצינד איז אונזער צייט! אַ גוטע נאַכט!"
און פּאַמעלאַך ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער, און דער הימל ווערט טיפער און טיפער... באַלד ווען זיך איינס נאָכן צווייטן אָנצינדן די שטערן... און ליגנדיק ביינאַכט אין דער היים, אין ווארימן בעט, פלעגט זיך לייבושלען נאַכט אויף נאַכט חלומען פון דער פרייער וועלט אויסער דער פעסטונג.

אויף אַלעמאָל איז ביי פּרצן געבליבן לעבן אין זיכרון די קינדהייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין זאַמאָשץ. וואוינענדיק שפּעטער אין אַנדערע שטעט און שטעטלאַך, איז פאַר זיינע אויגן געשטאַנען זיין ליבע היימישע שטאָט

מיט אירע געמויערטע דריישטאָקיקע הייזער, געדעקטע מיט אייזן און ציגל, מיט דער גאנצער הויכער פראכט פון דעם שטאָטישן זייגער=טורים, וואָס קראַצט—אַזוי האָט זיך לייבושלען געדאַכט—די וואָלקנס אין הימל. ער האָט ניט געקענט פארגעסן דעם באַזונדערן חן פון דער זאַמאָשצער „אונטערן=פעסטונג" מיט די קליינע פארשאָטנטע שפאציר=פלעצן צווישן וואלן, מיט די באַהאַלטענע שטעגעלאַך, מיט די פייכטע לאָנקעס, מיט די פרעש=זומפן, באַשאָטענע מיט „משוגענע גרייפּלאַך" און קליינע בערגלאַך פון שלאַנקע געל=גאָלדענע קעניגסקערצן *).

אָבער ניט נאָר שיין איז געווען די געבוירנשטאָט פון פרצן, נאָר אויך באַרימט מיט אירע גרויסע מענטשן. פון אַלטע צייטן אָן איז זאַמאָשץ געווען אַ שטאָט פון תורה און חכמה. אין פרצעס פּאָעמע „מאָניש" געפינען מיר זעטלאַכע פערזן, וואָס שילדערן אונז די מענטשן פון אַמאָליקן זאַמאָשץ:

געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך ד'אַלטע בעלי=בתּים
מיט מעשענע ברילן
און זילבערנע בתּים.
פול ס'בית=המדרש,
מיט קאַרפּענע קעפּ!
מען לערנט נאָך אין פּאָליש,
מען זיצט אויף די טרעפּ.

און ניט נאָר מיט יידישער תורה האָבן זיך קונה=שם געווען די זאַמאָשצער גרויסע לייט; פון זאַמאָשץ זיינען אויך אַרויס גרויסע געלערנטע אין וועלטלאַכע חכמות און שרייבער, ווי, למשל, ישראל זאַמאָשץ, דער לערער פון דעם

*) קעניגסקערצן—אַזעלכע געוויקסן.

באַרימטן יידישן פילאָסאָף משה מענדלסאָן; דער אלטער יידישער דיכטער, ד״ר שלמה עטינגער, וועלכער האָט אָנגעשריבן אויף יידיש זעלטן שיינע משלים; אלכסנדר צעדערבוים, וואָס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אויף יידיש צייטונגען.

דער פאָטער לייבושלס, רב יהודה פּרץ, איז אויך געווען א גרויסער למדן. ער איז געווען זייער א פרומער מאַן און האָט געהאַט א נאָמען אין שטאָט פאר א איבערגעגעבענעם מענטשנפריינד, וועלכער פלעגט ממש דעם לעבן אוועקלייגן, זיך שטענדיק געזאָרגט פאר אָרימע און אומגליקלאַכע, הגם אליין איז ער געווען ניט רייך. ער האָט געהאַט עסקים מיט פּריצים, פלעגט אָפט ארומפאָרן איבער דער סביבה וועגן מסחר, און דערצו האָט ער געהאַט א קראָם, וואָס געפירט האָט זי לייבושלס מאמע — ריוועלע.

זי האָט געשטאַמט פון א געהויבענער משפחה. נאָך איר פאָטער, ר׳ לייבוש סטאַראָסטער, האָט מען עס פּרצן א נאָמען געגעבן—לייבושל. גערופן האָט מען אים סטאַראָסטער דערפאר, ווייל ער האָט זיך געפירט ווי אמאָליקע יאָרן א סטאַראָסטע, ווי א שררה! געהאַט זיך זיין באזונדערע שטוב, ניט קיין אַלקיר, רויט געפאַרבטע טיש און בענקלאַך, געטראָגן זיידענע זאָקן, געריידט דייטש ווי א וואסער, און אז עס איז געקומען דער שררה זאַמאָיסקי, דער פּריץ וואָס האָט זאמאָשץ געבויט, פלעגט ער ריידן מיט אים מיט גרויס דרך-ארץ, ניט אזוי ווי פּוילישע פּריצים פלעגן געווינטלאַך דאמאָלסט ריידן מיט יידן...

ריוועלע איז געווען אן אמת יידישע פרוי, א שטילע, א גוטע, א פרומע, קארג אויף זיך אין אויפן הויזגעזינד, אָבער מיט אן אָפענער האַנט פאר יענעם, האָט צדקה גע-

געבן אסך. דערצו איז זי געווען א גרויסע בריה, האָט גוט געפירט די באַלעבאַטישקייט און די קראָם.

אין זיינע „זכרונות" האָט פרץ גרויסערהייט באַשריבן אַ פרייטיק-צונאַכט ביי זיי אין שטוב:

„דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען צו קבלת-שבת, און די מאַמע נעמט זיך צום בענטשן ליכט. אַ שיינע צוויי פּאָר זילבער-לייכטער מיר האָבן! דער עיקר די הויכע פּאָר, די מיט די רייזעלאַך און קריינדעלאַך... די מאַמע בענטשט ליכט ערנסט... אוי, ווי פרום מיין מאַמע איז! און דאָך בין איך זיכער, אַז זי קוקט אויף מיר פון צווישן די פינגער... אַזוי, גלייך, קוקט זי אויף קיינעם נישט... קוקט און שמייכלט אַוודאי!... אָט שטייט זי שוין ביים צווייטן פענסטער... ליכט אָפּגעבענטשט און קוקט אויס דעם טאַטן. לכבוד שבת: אין שטוב אין דער טערקישער שאַל; די לאַנגע אויערינגלאַך ציטערן איר אין די אויערן. ווייל אָפּווישן די פאַרהויכטע שויב, דערמאָנט זיך — שבת! און טוט עס נישט. אין גאַס איז פינסטער און דעם טאַטן וועט זי דערקענען אינם גאַנג... פאַרוואָס קומט נאָך דער טאַטע נישט? שטיקער ליכט שוין אָפּגעברענט... פאַררעדט זיך אַוודאי... קלייבט זיך אַן אורח צום טיש... און אָט — עס עפנט זיך די טיר...

— גוט שבת, גוט שבת! קומט אַריין דער טאַטע פריילאַך, נאָך אים דער אורח — די מאַמע ענטפערט שטיל: „גוט שבת, גוט יאָר", און גייט איבער דער שטוב און שטעלט זיך מיר צוקאָפּנס. איך ענטפער נישט, מיר האָט דער טאַטע קיין „גוט שבת" נישט געזאָגט, ער האָט מיך נישט געזען! זאָל ער זיך דערמאָנען און פרעגן, וואו לײ-

בוש איז. ער פרעגט נישט, מאַכט קידוש. קוקט אויף מיר און רעדט נישט אַ וואָרט. איך בין קראַנק, און ער מיינט —איך שלאָף. קוקט מיט גרויס באַרימהאַרציקייט. ער וואָלט געקרעכצט, נאָר שבת... עס מוז מיר זיין ערגער. דעריבער שטייט מיר די מאַמע צוקאָפּנס. פאַרוואָס לייגט זי מיר ניט די האַנט אויפן שטערן? זי וועט עס טאָן, זי מוז עס טאָן, אַניט וועל איך מיך צעוויינען!...״

פּרצעס שטאָלצער כאַראַקטער האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך קליינערהייט, טאָמער האָט ער זיך געפילט שולדיק אין עפּעס, האָט עס אים אינווייניק, אין האַרצן, געגנאָגט און געפּייניקט, אָבער איבערבעטן זיך, פאַרענטפערן זיך האָט ער קיינמאָל ניט געקענט. אָט, למשל, דערציילט ער אונז אין זיינע „זיכרונות״ אַזאַ מעשה פון זיינע קינדער־יאָרן:

„פון געבוירנהייט אָן האָב איך פיינט געהאַט זיסע זאַכן, אין מויל אַריין נישט גענומען. „איך וויל, מע זאָל מיך האַלטן פאַר קלוג״, האָט מען זיך גערייצט מיט מיר. די באָבע פלעגט באַקן מכל המינים גוטע זאַכן: ווייסע לעקאַך, האָניק־לעקאַך, טאָרטן, שטעפּנס, פרעגלען איינגעמאַכטס... פאַר זיך, פאַר די קינדער, פאַר קראַנקע אין הקדש,—אַלע אייניקלאַך פאַרדאָרבן זיך פון צייט צו צייט די מעגעלאַך. מע באַקומט און מע גנבעט אַ ביסל צו, איך איינער—אָן אויסנאַם. איך עס נישט.

מאַכט זיך מיין יינגערן ברודערס ברית.

קומען אָרימעלייט אויף לעקאַך און בראָנפן, פאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטלשטוב, רעכטס—די מאַמע, די קימפעטאָרין, אין דער שטוב לינקס—די בעלי־בתישע געסט. איז ביי אונז געוועזן אַ סאַרווער, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ „כלב שבכלבים״ אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. געוועזן איז

ער, איך זע אים פאַר מיינע אויגן, אַן אויסטערליש הויכער, אַ דאַרער און אַ ווייסער אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. אָרי־מעלייט האָט ער פיינט געהאַט שינאַת־מָוות. טראָגט דער רשע פון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך איבערן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקאַך צו די בעלי־בתּים אַריין, איבער דער מיטלשטוב, און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פאַר־ברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיק לעקאַך און דערלאַנג דעם בלאַסן מיידל. דער טאַטע—איך האָב נישט געוואוסט דערפון—איז געשטאַנען אין טיר פון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אינדערהייך האָט ער געזען, וואָס איך האָב מיטן לעקאַך אינדערנידער געטאָן — נישט. גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק. צומאָרגנס, מיר זיצן אַלע ביים טיש, פאַרקלאָגט ער מיך פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט, עסט כלומערשט נישט קיין זי־סע זאַכן און כאַפּט לעקאַך פון טאַץ!

קומט אַריין די דינסט מיט דער יויך,—געהערט האָט זי אַפּנים הינטער דער טיר—און פאַרציילט, וואָס איך האָב מיטן לעקאַך געטאָן. זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן, די אויגן ווערן אים פייכטלאַך. און ער הייבט זיך אויף און גייט אָפּ אין צווייטן צימער אַריין. פיל איך מיך שולדיק, וואָס איך האָב באַלד נישט פאַרציילט, וויל נאָכגיין און איבערבעטן — און קאָן נישט..."

אַזוי ווי דער שטייגער איז געווען אַמאָליקע יאָרן ביי יידן, האָט מען פרצן זייער פרי אָפּגעגעבן אין חדר. אַ פיצל קינד נאָך געווען, אַן עופעלע, און דאָך איז אים

אין זיכּרון געבליבּן זיין ערשטער מלמד, חיים=קעלבּל, אַ קליין יידעלע, מיט אַ קליין בּערדל, מיט קליינע אייגע=לאַך און אַ קליין ספּאָדיקל*), און דער בּעלפער זיינער, ווי ער טראָגט אים אין אַ זאַווערוכע אונטערן אָרים אין חדר אַריין. וועגן די דאָזיקע ערשטע קינדער-יאָרן זיינע האָט אונז פּרץ גרויסערהייט דערציילט אין זיינע „זיכרונות" אָט=וואָס:

„צו דריי יאָר אָנגעהויבּן—גלייך מיט אַלע חברים — חומש. געלערנט „ויקרא", זאָגן פּלעג איך „ויטראָ", נישט געקאָנט אַרויסבּרענגען קיין „ק"; קיין „ג" אויך נישט. יאָרנ=לאַנג פרעגט מען מיך רופן: „דד דדוד ידודנו" (גד גדוד יגודנו)...

שבּת נאָך דער סעודה האָט געזאָלט זיין בּיים זיידן אין שטוב די שימחה. בּשעת סעודה נעמט מיך דער זיידע (אַ קליין יידל מיט אַ ציטעריק קעפּל), זעצט מיך אַרויף אויפן טיש, אינדערמיט. די מאַמע דערשרעקט זיך און כאַפּט געשווינד אַוועק פון אונטער מיר אַ גאָפּל. אַרום טיש זיצט די גאַנצע מישפּחה: אַ זון, צוויי טעכטער, צוויי איידימס און אַן אַלמנה, אַן עלטער מומע, אַחוץ זיידן מיט דער בּאָ=בּען. צו וואָס מ'האָט מיך אַרויפגעזעצט, ווייס איך נישט. מיר געפעלט עס. אַ וואַזע שטייט אויפן טיש; פּרווו איך, צי וועל איך זי אַרומנעמען מיט די הענט. נעמט אָבּער די בּאָבּע די וואַזע צו און פרעגט מיך, צי איך וועל קענען שפּעטער די דרשה?

— טענען! (קענען) ענטפער איך און וויל שוין אַראָפּ פון טיש; לאַנג אויף איין אָרט זיצן קען איך נישט. פאַרהאַלט מיך אַ פעטער אין אַ שוואַרצן קאַפּעליוש און פרעגט:

*) ספּאָדיקל—אַזאַ מין פּאַרצייטיקע היטל.

— און אויסלייגן „ויטרא״ (ער מאַכט מיר נאָך) קענסטו?

ווייס איך נישט, וואָס אויסלייגן איז, פרעג איך:

— ס'טייטש?

— ווי אַזוי שרייבט מען ויקרא?

מיין איך, ער מאַכט חוזק.

— „ויטרא״ — ענטפער איך פּאַרדראָסיק — שרייבט מען נישט. „ויטרא״ איז אַ פּסוק און אַ פּרשה אין דער הייליקער תורה.

מ'האָט מיך קוים אויסגעטייטשט, וואָס מע מיינט, און איך דערזע פּלוצלונג פאַר די אויגן שוועבן אין דער לופטן די פּרשה, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און רוף אָן איין אות נאָכן צווייטן.

דער מאַמען ווערן די אויגן פייכט. עפּעס האָבן ביי איר אָנגעהויבן צו פינטלען די אויגן, און זי הייבט זיך אויף און גייט אין אַ ווינקל אַריין צום אויוון.

מיך נעמט דער זיידע פון טיש אַראָפּ צו זיך אויף דער שויס, און גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל. איך זיץ אָבער נישט לאַנג, ביינִיקע פּיס געהאַט, איז מיר ניט באַקוועם — און גיי איבער צום טאַטן, וואָס קושט מיך.״

צו זעקס יאָר האָט לייבושל אָנגעהויבן צו לערנען גמרא, אַזוי ווי אַלע יידישע קינדער אין יענער צייט. זיינע אומגעוויינלאַכע גרויסע פייאיקייטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן שוין דאַמאָלסט, און ער איז אַריבערגעגאַנגען פון איין מלמד צו דעם אַנדערן, אַלץ העכער און העכער. און ווי דער שטייגער פון אַמאָליקע מלמדים—אַלע בייזע געווען, דער האָט געשריען, יענער האָט געשלאָגן, אַ דריטער האָט געשמיסן, אמת, דער טאַטע לייבושלס האָט ניט דערלאָזן, אַז

אויפֿן גרעסטענעם ייִנגעלע זאָל דער רבי לייגן אַ האַנט, פֿונדעסטוועגן האָט דאָס שטרענגע לעבן אין חדר געמאַכט אויף לייבושלען אַ שווערן איינדרוק און ער איז געווען דער ערשטער צווישן זיינע חברים אין אַלע אויפֿטוען און שפּיצלאַך, אָפּצורעכענען זיך מיט די אַכזורים — די מלמדים.

אָבער ניט נאָר אין די אויפֿטוען קעגן זיינע בייזע און שלעכטע רביים האָט זיך אַרויסגעוויזן לייבושל. דער מאָגערער און שוואַרצער ייִנגל מיט די גרויסע ברענענדיקע אויגן, מיט דעם שאַרפֿן מוח, וואָס פֿלעגט „טרעפֿן באַלד אַריין אין קאַרב, מעג דאָס לערנען זיין ווי האַרב" איז בכלל געווען דער ערשטער צווישן זיינע חברים, דער גענעראַל זייערער, וואָס האָט געהאַט אונטער זיך אַ גאַנצע מחנה חדר־ייִנגלעך. באַוואָפֿנט מיט הילצערנע שווערדלאַך, מיט פּאַפּירענע שיידן, אַרומגעבונדן די לענדן פֿון זיינע גיבורים מיט געפֿלאָכטענע שטריקלאַך, פֿלעגט ער זיין דער אָנפֿירער אין די מלחמות מיט די יונגען פֿון ניישטאָט, צווייוואָרסט אונטער זאַמאָשץ, די מלחמות, וואָס פֿלעגן זיך אָפּשפּילן אויפֿן מיטן וועג צווישן ביידע ערטער, אונטערן בשותּפֿותדיקן בית־עלמין.

אָבער לייבושל איז געווען ניט נאָר אַ מאַדים קעגן די מלמדים, אַ שטיפֿער און אַ קונדס; ער איז אויך געווען אַ יונג אַ עילוי, וואָס איז קלאָר געווען אין די האַרבסטע ספֿרים, און ניט נאָר אין לערנען האָט ער אַרויסגעוויזן זיין שאַרפֿן קאָפּ; ער איז אויך אַ קינצלער געווען אין דאַמעשפּיל און אין שאָך, און אַ מייסטער געווען אַליין אויסצוקנעטן די שטיינדלאַך און פֿיגורן פֿון ברויט אָדער אויסשניידן זיי פֿון קאַרטאָפֿל.

איבערגעלערנט ביי אַלע מלמדים אין שטעטל, האָט

זיך די תורה ביי זיי פאַר לייבושלען אויסגעלאָזט. דער רב פון זאַמאָשץ, ר׳ משה וואַל, האָט אים פאַרהערט און אויפגעגעבן דעם טאַטן אַ פלאַן אַוועקשיקן אים קיין שעברשין, אַ שטעטל דריי מייל פון זאַמאָשץ. אָבער כּדי ניט מצער זיין די מוטער, וואָס איר איז געווען שווער צו שיידן זיך מיט לייבושלען, איז דערווייל געבליבן, אַז ער זאָל פּרווון לערנען אַ זמן אין בית־המדרש אַליין.

לייבושל איז דערפון געווען זייער צופרידן: דאָס פאַרשפאַרט זיין אין חדר גאַנצע טעג, גיט אָנצוזעען די פרייע ליכטיקע וועלט, האָט אים שטאַרק געדריקט—און דאָ וועט ער פריי, צו לערנען אַליין, וואָס ער וויל און ווי ער וויל. ער זאָגט צו דעם פאָטער לערנען אין בית־המדרש מיט התמדה, זיין גוט און פרום. און כאַפּט זיך צו צו די ספרים, וואָס ער געפינט אין בית־המדרש, הגם גאָר ניט פאַר אַ קינדערשן שכל, און פאַרטיפט זיך אין זיי; אָבער לויפט אויך אַרום אויף דער פריי. זעט מען, אַז ס׳טויג ניט—בלייבט פאָרט אַוועקצושיקן אים צו רב פינחסלען אין שעברשין.

אין שעברשין, דער הילצערנער שטאָט מיט איר איינציקן מויער אינמיטן מאַרק, מיט אירע נידעריק געבויטע הייזלאַך, געדעקטע מיט שינדלען און שטרוי, מיט איר הילצערנעם שטאָט־זייגער, האָט לייבושל ערשט דערפילט די גאַנצע שענקייט פון זיין היימישן זאמאָשץ. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרחלומטער מיט פאַרבענקטע אויגן. ער האָט זיך געפילט דאָרטן פרעמד, ווי פאַרטריבן אין גלות, און אויך זיין שעברשינער מלמד ר׳ פּנחסל האָט מיט אים קנאַפּ־וואָס געלערנט, געווען גאָר פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. „דער עיקר—פלעגט ער זאָגן—איז דאָס לייענען, דאָס

לערנען פאר זיך, דאָס שאַרפן זיך אליין דעם מוח... צום רבין דאַרף מען קומען מיט ספקות, מיט שאלות, מיט הארבע זאכן". לייבושל פלעגט פארפאלן ווערן אונטערן שטאָט, פלעגט אוועקגיין צום וואסער, זיך צורוקן צום ראָד פון דער אלטער פארשווארצטער און פון מעל פארווייסטער וואסערמיל, זיך אויסציען אויף דער לאָנקע, קוקנדיק אין הימל אריין, אָדער מיטן פּנים צום גראָז.

און נאָר פארטאָג פלעגט ער לערנען אין בית=המדרש מיט אן עלטערן חבר. דעם דאָזיקן חבר האָט ער ליב באַקומען אַהבת=נפש און צוליב אים אויך דאָס לערנען, מיט פרייד פלעגט ער זיך אויפכאַפּן פיר פארטאָג פון געלעגער און לויפן צום חבר און אויף אים ווארטן מיט הארצקלאַפּעניש. ער האָט ליב געהאַט דעם חברס הארציקן ניגון ביים לערנען, זיין ווייכע, סאמעטענע שטימע, וואָס פלעגט זיך אים פארגנבענען אין הארץ אריין, זיינע שווארצע גלאנצנדיקע געלאָקטע האָר, די מילך=ווייסע ציין, און זיינע פייכטע פארבענקטע אויגן, אזוינע גוטע, גוטע...

אָבער די בענקשאַפט אַהיים האָט לייבושלען סוף=כל=סוף אזוי דערנומען, אז ער האָט באַקומען היץ, און איז קראַנק געוואָרן, האָט מען אים אָפּגעשיקט צוריק אין זיין שטעטל קיין זאַמאָשץ.

אין יענער צייט האָט זיך ביי די יידן אין רוסלאַנד געשטארקט די שטרעבונג צו וועלטלאכער בילדונג, צו וועלטלאכע מינהגים, צום לערנען פרעמדע שפּראַכן, צום דערנענטערן זיך צו דער ארומיקער באפעלקערונג אין קליידונג, אין פירן זיך, אין לעבנס=שטייגער ביכלל. די דאָזיקע

שטרעבונג הייסט אין דער יידישער געשיכטע די השכלה־ באוועגונג.

אין פוילן איז די דאָזיקע באוועגונג געווען שוואַך אָבער דווקא אין זאמאָשץ האָט די השכלה זיך געהאַט אָנגענומען. און אויך פרץ איז געווען פון די ערשטע, וואָס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער השכלה. אָבער קיין אמתע לערער און וועגווייזער האָט דער יונגער לייבושל ניט געהאט. אפילו קיין רעכטן העברעאישן לערער האָט ער ניט געפונען אין שטעטל. זיין לערער פון לשון־הקודש איז געווען איינער א דוד שיפמאַן, וואָס האט גאָר געהאַלטן א טאבאק־געשעפט, און זיין לערנען האָט ניט געקאָנט באפרי־ דיקן פרצעס דאָרשטיקע נשמה.

אויך זיין לערער פון דייטש, א זון פון דעם בארימטן יידישן מאטעמאטיקער שטערן, האָט אים קנאַפּ־וואָס גע־ קענט געבן, נאָך ערגער איז געווען מיט דעם לערער פון רוסיש, א פעלדפעבל, מיט קליינע בלאסע אייגעלאך, מיט א ריח פון בראנפן פון מויל, וואָס זיין גאנצע תורה איז באשטאנען נאָר אין טרוקענער גראמאטיקע.

און פרץ דער יינגל, וועלכער האָט זיך שוין אזוי געהאט אנ־ טוויקלט גייסטיק, אז ער האָט פארשטאנען די האַרבסטע לשון־ הקודשדיקע ספרים, איז גאנצע טעג ארומגעגאנגען פאר־ טראכט, פארטראָגן אין די עולמות־העליונים; זיין קאָפּ איז געווען פארנומען מיט די העכסטע געדאנקען און האָט ניט געקענט געפינען קיין ענטפער אויף די פראגן, וואָס האָבן געמאטערט און געפייניקט זיין שארפן אָפענעם מוח.

געבוירן אין א פעסטונג, וועלכע איז פון וואלד און פעלד אָפּגעגרעניצט געווען מיט מויערן און פארמאכט אויף טויערן, איז לייבושל געוואקסן אָפּגעריסן פון דער גרויסער

וועלט און ווייט פון דער נאטור. ער האָט זעלטן געזען א גרעזל, א שטענגל פון עפּעס, וואָס וואקסט, זעלטן הנאה געהאט פון דעם געשמאקן דופט פון א לעבעדיק בלימל. אָבער אין מוח ביי אים האָבן דווקא געשוועבט די שענסטע נאטור=באשרייבונגען די שמעקנדיקסטע ריחות פון בערג און פון טאָלן, וואָס וועגן דעם האָט ער געלערנט אין תנך. דער תנך האָט בכלל געהאט זייער א גרויסע ווירקונג אויף פרצעס איידעלער נשמה. אַ גאַנצע וועלט האָט דער תנך פאַר אים געעפנט, אַ וועלט מיט מדינות אַלערליי—ארץ-ישראל, מצרים, אשור בבל, צור, צידון: אַ וועלט מיט שטעט, דערפער, טייכן, ימען, בערג און מדבריות. און זיצנדיק פאַרשפאַרט אין די ענגע ד׳ אמות פון זיין שטעטל, האָט אים מיט אַ שטאַרקער מאַכט געצויגן זיך דערוויסן נאָך מער, דערגיין וואָס ווייטער אלץ העכער.

און דער דאָזיקער געפיל איז ביי אים געווען אַזוי שטאַרק, אַז אָפטמאָל פלעגט זיך אים שטאַרק גלוסטן אַרויפצוקריכן אויפן גאַניקל אַרום זייגער=טורים איבערן מאַגיסטראַט, וואָס פון דאָרטן זעט מען ניט נאָר די גאַנצע שטאָט, נאָר אַרום און אַרום שטאָט אויף אַ מהלך! טעג גאַנצע פלעגט ער אַרומגיין און טראַכטן, ווי אַזוי באַקענט מען זיך מיטן אַלטן זייגער=מאַכער, וואָס גייט יעדן טאָג אַרויף אָנציען דעם זייגער, ער זאָל אים מיטנעמען. פון קינדווייז אויף איז דער טורים געווען זיין פאַרלאַנג, זיין חלום, און ער האָט געטראַכט פון אים זיצנדיק ביים ספר ביי טאָג, ליגנדיק מיט אָפענע אויגן ביי נאַכט. אַזוי שטאַרק איז געווען זיין נייגעריקייט צו גאָטס ברייטער וועלט, וואָס שפרייט זיך אַרום שטעטל, אַזוי טיף איז געווען זיין דאָרשט געוואָר צו ווערן, וואָס טוט זיך דאָרט ווייטער, דערגיין דעם

גאַנצן אמת.

נאָר איינמאָל איז זיין הייסער קינדערשער פאַרלאַנג מקוים געוואָרן. ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף די גליטשיקע שמאָלע שווינדלד׳קע טרעפּעלאַך אַרויף אויפן טורים, איז אַרויסגעקומען אויף דער ליכט׳קער שיין און איז אַרויס אויפן גאַניקל. אָבער וואָס האָט ער געקענט דערזעען פון טורים אַראָפּ? אַ צוויי—דריי וויאָרסט פלאַכלאַנד אַרום זיין שטעטל, הייזלאַך, וואָס האָבן אים אויסגעזעען פון דער הייך אַרונטער ווי קאָרטנשטיבלאַך, מענטשן, וואָס האָבן אים אויסגעזעען ווי היישעריקן, עטלאכע צעוואָרפענע ביימעלאַך—און מער גאָרנישט. זיין דאָרשט נאָך וויסן איז אַלץ ניט באַפרידיקט געוואָרן.

און אַפילו אַז די פעסטונג פון זיין געבורטסשטאָט איז שוין לאַנג געוואָרן אויס פעסטונג און דער שרעק פאַר די וואַלן איז פאַרשוווּנדן, און די האַרמאַטן מיט דעם זאַפּאַס קוילן האָט מען צוגענומען, און פון די בריקן אונטער די דריי בראָמען איז קיין זכר ניט געבליבן, און די פאָסן מיטן וואַסער האָט מען פאַרשאָטן, און מ׳האָט שוין געמעגט גיין שפּאַצירן אין דעם שיינעם גאָרטן הינטער דער שטאָט איבערן שאָסיי, וואו ס׳האָבן פריער געוואוינט די אינזשענערן פון דער פעסטונג, איז דעם יינגל פּרצעס וועלט ניט קיין סך ברייטער געוואָרן. דאָך פלעגט ער ליב האָבן צו קומען אַהינצו אין גאָרטן, אַרומגיין איבער דער לאַנגער טונקעלער אַלעע און טראַכטן זיינע געדאַנקען. און איינמאָל האָט אים אַזאַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט געבראַכט דערצו, אַז ער האָט באַקומען אין זיין רשות אַגאַנצע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען אין שטעטל און געהערט צו איינעם אַ מיכל פידלער. מיכל פידלער איז געוועזן דער קאַפּעל-

מייסטער ביי די שטעטלשע קלעזמער, וואָס פלעגן מאַכן אייגענע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס צו שפּילן אויף יידישע שימחות, ווי מאַראַלישע „שטייגערס" צום באַדעקנס, מאַרשן צו חופּות, „פריילאַכצער" צו דער „וועטשערע". אָט ווי אַזוי פּרץ האָט אונז שפּעטער אין זיינע זיכרונות דערציילט וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש מיט פידלערן, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג פאַר זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, עפענענדיק פאַר אים אַ נייע פרעמדע וועלט.

...„עס פאַלט צו די נאַכט... איך גיי אַרויס אויפן שאָסיי, גיי עטוואָס ווייטער אָפּ פון שטאָט און דערזע (גלייך צום ערשטן מאָל!) — ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ אונטערן גאָרטן — ווי פּורפּור-פלאַם פון צווישן די צווייגן... און קעגנאיבער שיינט אויף אַ בלאַס געצייכנטע לבנה; קומט העכער, העכער, ווערט בולטער...

איך שטיי אָנגעשפּאַרט אָן עפּעס אַ צוים און קוק, און וווּנדער מיך, פאַרוואָס זע איך עס אַזוי צום ערשטן מאָל... יעדן טאָג גייט דאָך אונטער די זון, יעדן אָוונט גייט אויף די לבנה...

...רירט מיך פלוצלונג עמיץ ביים אַקסל אָן.

מיכל פידלער! — ביים פלויט פון זיין איינזאַמען הייזבין איך עס געשטאַנען. ער איז צו מיר אַרויסגעקומען, אַ שטילער, אַ שטיל שלייכנדיקער, מיט טרויעריקע וואַסער-אויגן. אין איין האַנט — אַ ספרל, אין צווייטער — אַ לאַמטערל...

— „מע זאָגט, דו ביסט אַן עילוי, קענסט דאָ פשט?"

און ער ווייזט מיר אַן אָרט אין אַ קבלה-ספרל ...איך לעז דורך, פאַרשטיי און פאַרטייטש...

— ביסט דאָך טאַקע אַן עילוי... נו, וואַרט.

און ער פאַרשווינדט צוריק אין הייזל אַריין...

באלד קומט ער צוריק ארויס מיטן לאמטערן, נאָר אין דער אנדערער האנט—אויפן אָרט פון ספרל—א גרויסער, שווערער פארראָסטער שליסל—דער שליסל פון זיין פארמאכטער ביבליאָטעק אין שטאָט:

— דו ביסט עס ווערט.

מיט דער האנט, וואָס ציטערט שלאבעריק, דערלאנגט ער מיר דעם שליסל. די שטימע—הויל, אָן טאָן, אָן פארב. איך הייב צו אים די אויגן אויף, וויל עפּעס זאָגן, דאָס מויל איז מיר צוגעשנירט; ביים שיין פון לאמטערל זע איך א פּנים פון א בר-מינן... געל, וואקסן-געל, אָפּגעלאָזט...

איך נעם דעם שליסל און גיי מיט אים אָפּ שווייגנדיק...—

ניט אזוי לייכט האָט פרץ דערן יינגל געפּועלט ביי זיך צו באנוצן זיך מיט פידלערס מתנה און אוועקלאָזן זיך אין דער וועלט פון די פרעמדע ביכער, וואָס ער האָט ביז אהער געהאלטן פאר גויאישע.

...„דרייקנדיק מיט דער פויסט דעם דיקן פאַרראָסטן שליסל אין טאש, גיי איך, אין א שווארץ היטל, אין א ביסמארק-פּאלטאָ און ווייס-פּארליימיקטע שטיוול איבער דער ברוקירטער גאס, פון די רויטע קאָשארן צום גרינעם שלאָס (עס איז פרילינג-צייט) און בלייב שטיין ביים קווער-געסל פארן שלאָס, אין ווינקל, וואו דאָס הויז שטייט; דאָס הויז מיט דער פארמאכטער ביבליאָטעק אויפן בוידים. איך טרעט אריבער די שוועל איבער געוואלד. עטלאכע טראָפּן שווייס פּערלען זיך איבערן שטערן! דאָס הויז איז מיר פרעמד; דאָ וואוינען נישט קיין יידן. צופעליק. און פיליכט צוליב דער נאָענטקייט מיטן שלאָס! דאָס הויז איז א נייעס, דעמאָלט דאָס נייעסטע, און האָט ליכטיקע טרעפּ, דעמאָלט די

איינציקע ליכטיקע טרעפּ אין שטאָט. איך שטייג באַהאַרצט; א גוטער סימן — א ליכטיקער וועג! און איך שטייג אין ליכט איין שטאָק, א צווייטער, — די פּלאַטפאָרם צום בוי־דים; דאָ לעשט זיך מיר דער טאָג אויס... איך ווער עט־וואָס אומרואיק. אָבער קיין צוריק איז נישט פאַראַן! די האַנט ציטערט א ביסל, דאָך דערטאַפּט זי די טיר; אין טיר דעם שליסל־לאָך. „פריער אַרייַנקוקן!" איך נויג צו אַן אויג — א חושך! קעגנאיבער א פאַרלאָדנט פענסטער פון אינע־ווייניק. אָבער דורכן לאָדן־שפּאַלט רייסט זיך אַריין א זייל פון ציטעריקן זונען־שטויב און שפּאַרט צו ביז צון א הויפן ביכער אויף דער פּאָדלאָגע.

„...און איך דריי איבער דעם שליסל! א קריץ אין אַלטן שלאָס, דאָס האַרץ—א ציטער, דאָך—די טיר—שוין אָפן, דער לאָדן האַסטיק אויפגעריסן — איך בין אין „זייער בית-המדרש". אָבער אַזוי פיל ביכער! אַרום אויף אַלע פיר ווענט, צעוואָרפענע אונטער די פיס אויף דער פּאָדלאָגע".

געפונען אַזא אוצר, האָט פרץ מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין נשמה זיך א וואָרף געטאָן אויף די ביכער. אין דער ביבליאָטעק זיינען געווען ביכער אויף דריי שפּראַכן: פראַנ־צויזיש, דייטש און דערהויפּט—אין פּויליש. זיין התמדה איז געווען אַזוי גרויס, אַז צוליב די געפונענע ביכער האָט ער זיך אוועקגעזעצט אַליין, אָן א לערער לערנען פראַנצויזיש, הגם ער האָט נאָך פון דער פראַנצויזישער שפּראַך קיין אנונג ניט געהאַט. דייטש האָט ער יאָ געקענט א ביסל, גע־לערנט עס פריער מיט שטערנען אָבער זיין דאָרשט צום לייענען איז געווען אַזוי גרויס, אַז די דייטשע ביכער, וואָס זיינען אים געווען ניט אַזוי גרינג צו פאַרשטיין, האָט ער דערווייל אָפּגעלייגט און זיך גענומען צו די פּוילישע. געלייענט

האָט ער כּסדר אַלע ביכער, ווי זיי זיינען געווען אויסגע־שטעלט. און וואָס איז דער חידוש, אז ווער עס זאָל אים ווייזן, איז ניט געווען, און די אַלע ביכער זיינען אים ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

די ביכער זיינען געווען פאַרשיידענע: ראָמאַנען און וויסנשאַפטלאַכע זאַכן. דערהויפּט הנאה האָט ער געהאַט פון די באַשרייבונגען פון מענטשן, פון זייערע רייד, פון זיי־ערע פאַרשיידענע שטאַנדן, פון זייערע פאַרשיידענע געשעפטן.

אָבער ניט נאָר די ראָמאַנען און דערציילונגען האָט ער געלייענט, נאָר אויך די וויסנשאַפטלאַכע. פון די וויסנ־שאַפטלאַכע האָבן אים דערהויפּט גענומען די ביכער, וואו עס ווערט באַשריבן דער לעבנסשטייגער פון די חיות און געוויקסן, זייער אינסטינקט און פאַרשטאַנד, זייערע געוויינ־הייטן, ווי אַזוי זיי פּאַסן זיך צו מיט ליניע און נאַרב צו דער אַרומיקער סביבה. ווי אַזוי זיי בויען נעסטן, האָדעווען קינדער, זאַמלען שפּייז אויף ווינטער, מאַכן פאַרזאַמלונגען; ווי אַזוי זיי פירן דעם קאַמף פאַר זייער קיום.

„גאָט, ווי גרויס די וועלט איז, ווי פאַרשיידנאַרטיק, און וויפל שכל, וויפל גייסט!"—האָט ער געטראַכט.

די ביכער האָבן אַ נייע וועלט געעפנט פאַר דעם יונגן פּרצן, וואָס האָט ביז אַהער מער ניט געוואוסט ווי פון זיין שטעטל און פון די ספרים, וואָס ער פלעגט באַקומען צום לייענען אין בית־המדרש. זיי האָבן אָבער אויך אויפ־געוועקט אין אים נייע פראַגן, פרישע געדאַנקען, שאַרפע ספקות. ער האָט געזוכט אַ מענטשן, מיט וועלכן ער זאָל קאָנען ריידן וועגן אַלץ, וואָס האָט געעקבערט זיין מוח און גענאָגט זיין נשמה, אַ מענטשן, וועלכער זאָל אים קענען געבן אַ תשובה אויף די פראַגן, וואָס זיין אומרואיקער, זוכנ־

דיקער גייסט האָט אין אים דערוועקט, אמענטשן, פאַר וועמען ער זאָל קענען אויסגיסן זיין האַרץ. אזא מענטש איז אָבער אין זאַמאָשץ ניט געווען. ער האָט זיך געווענדט נאָך אַן עצה צו איינעם א ליטוואַק, וואָס האָט געלעבט דאַן אין זאַמאָשץ, געווען — דאָרט פריער א לערער פון רוסיש, שפּעטער ראַבינער; און יענער האָט אים געראַטן אַוועקפאָרן שטודירן קיין זשיטאָמיר אָדער קיין ווילנע, וואו עס האָבן יעמאָלט עקסיסטירט ראַבינער-שולן פאַר יידישע יונגעלייט. כדי צו העלפן פּרצן אַרויסצורייסן זיך אין דער ברייטער וועלט, האָט ער אפילו פאַרזעצט זיין גאָלדן קייטעלע און געגעבן אים אויף הוצאות. אָבער אז ס'איז געקומען צום אַוועקפאָר האָט פּרץ ניט געקענט פועלן ביי זיך צו שיידן זיך אָן א זייגעזונט מיט זיין הייס-געליבטער מוטער, וועלכע האָט ניט געוואוסט פון איר לייבושלס פּלאַן.

פּרץ האָט אונז וועגן דעם שפּעטער דערציילט אָט וואָס:

„ווערט באַשטימט א טאָג צום שטילן אַוועקפאָרן. עס ווערט באַשטעלט א פור, איך פּאַק מיך בסוד-סודות. לייג מיך פרי מכלומערשט שלאָפן, מיטן פּעקל אונטערן קישן, איך וועל קיין אויג נישט צוטון. א פייף פון גאַס וועט זיין דער צייכן... איך לעש אויס דאָס לעמפּל, געזעגן זיך מיט אלע און אַלץ אין דער פינסטערער שטוב, אויפן האַרץ נישט אַזוי לייכט... אָבער איך מוז... ליג איך און דערהער א שטילן שאָרך פון צווייטן צימער. איך האָרך. שטיל עפנט זיך די טיר. שטיל באָרוועס קומט אַריין די מאַמע, איך זע זי קוים ביים שוואַכן שיין פון דער לבנה אין פענסטער. זי שוועבט שטיל צו צום בעט, זעצט זיך קעגנאיבער, קוקט מיר מיט ווייטאָק אין פּנים אַריין... איך קען די אויגן ־־ייט

שליסן, איך מוז זי זעען און זעען ווי פון די אויגן אירע רינען שטיל, שטיל די טרערן... זי געזעגנט זיך מיט מיר... ווער האָט אויסגעזאָגט מיין סוד?

אָבער זי וואכט ביי מיר, אירע טרערן וואכן, איך פאַר נישט".

און פרץ איז געבליבן אין זאמאָשץ.

אין עטלאכע טעג ארום האָט דער טאטע, ווי דער שטייגער איז דאמאָלסט געווען ביי יידן, געטאָן מיט פרצן א שידוך מיט דער טאָכטער פון אחשובן זאמאָשצער באַלעבאָס, גבריאל־יהודה ליכטנפעלד.

צו לייבושלס קינדערשע און יונגלשע יאָרן האָט גענומען א סוף.

## ד.

נאָך דער חתונה איז פרץ געבליבן וואוינען אין זאַמאָשץ, וואו ער האָט געצויגן זיין חיונה פון אדוואָקאַטור. צו יענער צייט האָט ער שוין געהאַט געשריבן אייגענע שירים, און ווי דער שטייגער איז דאַמאָלסט געווען ביי די געבילדעטע יידן — נאָר אין העברעאיש. זיין שווער גבריאל־יהודה ליכטנפעלד, וועלכער איז אויך געווען א העברעאישער שרייבער, האָט אים נאָך צוגעגעבן מער חשק צו שרייבן, און אין יאָר 1876 האָבן זייביידע צוזאַמען ארויסגעגעבן א ביכעלע מיט העברעאישע שירים. ביסלאַכווייז האָט אָבער פרץ אויך אָנגעהויבן צו שרייבן אין יידיש, און זיינע יידישע לידער זיינען אַזוי געפעלן געוואָרן אין שטעטל, אַז מ׳פלעגט זיי איבערשרייבן איינער ביי דעם אנדערן, צופּאַסן צו זיי ניגונים און געזונגען זיי. פרץ האָט שוין דאַן אָנגעהויבן

צו פאַרשטיין דעם גרויסן כּוח פון דער יידישער שפּראַך
און אין יאָר 1886 האָט ער אָפּגעדרוקט אַ שיר אין אַ העבּ-
רעאישן זאַמלבוך, וואו ער באַזינגט מיט גרויס ליבשאַפט די
לעבּעדיקע שפּראַך פון פאָלק, מיט וועלכער די רייכע אויפ-
געקומענע יידן האָבּן זיך דאַמאָלסט געשעמט און ניט גע-
וואָלט אויף איר ריידן און שרייבּן. דער דאָזיקער שיר האָט
געמאַכט אַ רושם, און פּרצעס נאָמען איז געוואָרן באַקאַנט
מחוץ זיין געבּורט-שטאָט.
אָבּער דאָס לעבּן אין דעם קליינעם שטילן שטעטל
האָט שוין מער ניט געקענט באַפרידיקן פּרצן. זיינע גייסטי-
קע כּוחות האָבּן זיך שוין גענוג אַנטוויקלט און געזוכט אַ
בּרייטערן פעלד. אים איז שוין געוואָרן ענג אין זאַמאָשץ,
וואו ער איז געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון שרייבּער, פון
חברים, פון מענטשן, וועלכע זאָלן אים פאַרשטיין און אָפּ-
שאַצן, אים האָט צו געצויגן אין דער גרויסער וועלט,
וואו ער זאָל קאָנען אויסניצן אַלע זיינע טאַלאַנטן. פון צייט
צו צייט פלעגט ער אַראָפּפאָרן קיין וואַרשע, קיין פּלאָצק,
זיך זעען מיט יידישע שרייבּער, זיך דורכגערעדט מיט זיי
וועגן פאַרשיידענע עיניינים, איבּערגעלאָזט פאַר די העבּרע-
אישע אויסגאַבּן שירים אָדער דערציילונגען און פלעגט צו-
ריק אַוועקפאָרן אַהיים. אָפּגעריסן פון דער ליטעראַטור,
האָט פּרץ געשריבּן גאַנץ ווייניק און נאָר זייער זעלטן פלעגט
זיך אָפּדרוקן זיינע אַ זאַך ערגעץ אין אַ העבּרעאישן זשור-
נאַל. און קיין יידיש האָט ער נאָך אַפילו קיין איינמאָל ניט
געדרוקט.
איצטער איז די יידישע ליטעראַטור שוין גענוג אַנט-
וויקלט, אומעטום אין אַלע גרויסע און קלענערע שטעט אין
דער גאַנצער וועלט וואו עס וואוינען נאָר יידן, — און וואו

זאוינען ניט קיין יידן? — גייען ארויס צייטונגען, זשורנאלן, ביכער, און אַ שרייבער אויף יידיש דאַרף ניט טראַכטן, וואו צו דרוקן זיינע זאַכן.

גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט אַ יאָר פינף און דרייסיק צוריק. די יידישע ליטעראַטור איז נאָך דאַמאָלסט געלעגן, ווי מען זאָגט, אין די ווינדעלאַך, ערשט געהאַט ארויסגעשפּראָצט. גוטע יידישע ביכער פלעגן ארויסגיין זייער זעלטן, איינמאָל אין אַ יובל, קיין צייטונגען און זשורנאלן, וואו צו דרוקן זיך, איז כמעט ווי ניט געווען. נאַטירלאַך האָט אַזאַ מין לאַגע ניט געקענט שטופּן דעם שרייבער צום שרייבן. און פּרץ, וועלכער האָט שוין דאַמאָלסט געהאַט אָנגעשריבן אַ סך זאַכן אין יידיש, האָט זיי אָבער ניט געהאַט וואו צו דרוקן.

אין יאָר 1887 האָט דער באַרימטער יידישער שרייבער שלום-עליכם אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אין קיעוו אַ גרויס יידיש זאמלבוך „די יידישע פאָלקסביבליאָטעק". פּרץ האָט זיך דערוווסט דערפון און האָט גלייך אָװעקגעשיקט שלום-עליכמען זיין פּאָעמע „מאָניש". שלום-עליכם איז געוואָרן איבעראַשט, אַז ער האָט איבערגעלייענט דאָס דאָזיקע ווערק פון דעם יונגן, דאַמאָלסט נאָך כמעט ניט באַקאַנטן דיכטער און האָט עס אָפּגעדרוקט אין דער „יידישער פאָלקסביבליאָטעק". „מאָניש" איז געווען פּרצעס ערשטע זאַך, וואָס האָט זיך אָפּגעדרוקט אויף יידיש.

אין אַ יאָר אַרום איז ארויס דער צווייטער באַנד פון שלום-עליכמס „יידישער פאָלקסביבליאָטעק", און דאָרט האָט פּרץ אָפּגעדרוקט עטלאַכע זיינע דערציילונגען.

פּרצעס זאַכן האָבן גלייך אויסגענומען ביים עולם. די מבינים האָבן דערזעען, אַז דאָס וואַקסט אַ גרויסער יידישער שרייבער. דאָס האָט אויך פּרצן צוגעגעבן מוט צום

שרייבן. ער האָט אָנגעשריבן עטלאַכע נייע זאַכן, אָבער וואו צו דרוקן איז שוין ניט געווען. שלום־עליכם איז פאַראָרימט געוואָרן און האָט שוין מער ניט אַרויסגעגעבן זיין „פאָלקס־ביבליאָטעק". פרץ האָט ניט געוווסט, וואָס צו טאָן.

אין יענער צייט האָט אין וואַרשע געלעבט דער יידישער שרייבער יעקב דינעזאָן, וועלכער איז שוין געווען באַרימט ביים עולם מיט אַ פּאָר ראָמאַנען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אויף יידיש. יעקב דינעזאָן האָט פרצן ניט געקענט, ער האָט אָבער געלייענט זיינע זאַכן און האָט פון זיי זייער געהאַלטן. איינמאָל באַקומט דינעזאָן פון פרצן עטלאַכע נאָך ניט געדרוקטע דערציילונגען. ער האָט זיי איבערגעלייענט און איז געוואָרן אַזוי אַנטציקט פון זיי, אַז ער האָט גענומען אויף זיך אַרויסצוגעבן זיי. דערפון האָט זיך אָנגעהויבן פרצעס באַקאַנטשאַפט מיט דינעזאָנען.

דינעזאָן איז געוואָרן פרצעס נאָענטסטער און געטריי־סטער פריינד. 25 יאָר האָט געדויערט זייער פריינדשאַפט ביז פרצעס לעצטער שעה.

פרץ און דינעזאָן זיינען געווען מענטשן פון גאַנץ פאַרשיידענע כאַראַקטערן, אָבער זעלטן איז צו געפינען אַזאַ טיפע און גרויסע ליבשאַפט און געטריישאַפט, ווי עס איז געווען צווישן די דאָזיקע ביידע באַרימטע יידישע שריפטשטעלער.

אין 1889 יאָר האָט פרץ באַזעצט זיך אין וואַרשע, און זיין דירה איז אינגיכן געוואָרן דער צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור, אַן אמתער בית־וועד־לחכמים. קיין איין יידישער שרייבער, קינסטלער אָדער כּלל־טוער דורכפאָרנדיק וואַרשע, האָט ניט פאַרפעלט צו באַזוכן דעם גרויסן דיכטער אין זיין וואוינונג אויף צעגליאַנער גאַס, נומ. 1, וואו

ער האָט אָפּגעוואוינט גאַנצע 20 יאָר. אַלע שבת פלעגן זיך אויף דאָרטן צונויפקומען די יונגע שרייבער, וואָס האָבן געוואוינט אין וואַרשע, מ'פלעגט לייענען זייערע זאַכן פאַר פרצן, הערן זיין מיינונג. ווארום פרץ איז ניט נאָר אַליין געווען אַ גרויסער שרייבער, נאָר ער איז אויך געווען אַ גרויסער מבין אויף שרייבן, און אַ סך יונגע דיכטער האָט ער אַרויסגעפירט אויף דער וועלט, געוויזן דעם עולם זייער טאַלאַנט און דורכדעם האָט ער אויך ניט ווייניק מיטגעהאָלפן צו אַנטוויקלען די יידישע ליטעראַטור.

אין וואַרשע אַרבעט פרץ דעם ערשטן האַלבן טאָג אין דער יידישער קהילה און אין דער פרייער צייט גיט ער זיך אָפּ דער ליטעראַטור. ער גיט אַרויס אַליין זאַמלביכער, זשורנאַלן און שרייבט שירים, דערציילונגען, אַרטיקלען, וואָס האָבן די גרעסטע ווירקונג אויף דעם יידישן פאָלק און באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור. אינגיכן ווערט פרץ באַרימט אין דער גאַנצער וועלט און אין יאָר 1909, ווען עס ווערט 25 יאָר, זינט פרץ האָט אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע זאַכן, ווערט געפייערט דער יובילייִ פון זיין 25-יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט. פרץ אָבער רוט ניט און בלייבט ניט שטיין אויף איין אָרט. וואָס ווייטער, אַלץ מערער און רייכער אַנטוויקלט זיך זיין גרויסער טאַלאַנט: זיין גייסט ווערט מיט זיינע יאָרן ניט שוואַכער, נאָר גרייכט אַלץ העכער און טיפער, ווערט גאָרניט געעלטערט, בלייבט תמיד פריש, תמיד קרעפטיק, תמיד שאַפנדיק נייע ווערק. זיין גרויסער שם וואַקסט אלץ מער, זיינע זאַכן ווערן געלייענט מיט אַלץ אַ גרעסערן אינטערעס, ווערן איבערגעזעצט אויף אַלע שפּראַכן

אָבער פרץ באַנוגנט זיך. ניט נאָר מיט שרייבן אַליין. ער איז געבענטשט געווען פון דער נאַטור מיט אַ זעלטענעם

טאַלאַנט פון אַ רעדנער, און פלעגט אָפּט אַרויסטרעטן אין וואַרשע אויף פאַרזאַמלונגען, וואו ער פלעגט דערקלערן דעם ברייטן יידישן עולם זיינע טיפע געדאַנקען אין אַ וואונדער שיינער יידישער שפּראַך. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך באַזוכן אַנדערע גרויסע יידישע שטעט אין פוילן און רוסלאַנד, און אלע מאָל פלעגט פּרצעס קומען זיין אַן אמתער יום־טוב. די ליבע פון דעם פאָלק צו דעם גרויסן דיכטער, די אַכטונג צו זיין טיפן און רייכן טאַלאַנט, די התפעלות צו זיין וואונדערלאַכער פערזענלאַכקייט איז אַלץ געוואַקסן און פּרץ איז געוואָרן דער שטאָלץ פון דעם יידישן כּלל, די צירונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

## ה.

עס איז אָנגעקומען די וועלט־מילחמה, די שרעקלאַכע, די ווילדע, די בייזע, די אַכזריותדיקע. וואַרשע, די שטאָט, וואו פּרץ האָט געלעבט שוין 25 יאָר, איז פּלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן לאַגער. די דייטשן זיינען געווען נאָענט—און ס'האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף יידן אָן אַ שיר צָרות, גזֵרות, יסורים און בּילבולים. גאַנצע שטעט און שטעטלאַך יידן האָט מען אויפגעהויבן פון די ערטער און אַרויסגעטריבן אין מֶשך פון אַ פּאָר שעה. טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן, עלנטע, פאַראומערטע, פאַרחלשטע פון הונגער און באַליידיקונג, זקנים און קינדער, האָבן זיך געשלעפּט קיין וואַרשע, טראָגנדיק דער וועלט אַנטקעגן די מוראדיקע, שרעקלאַכע אומגליקן פון דער מלחמה. אויף פּרצן האָט עס געמאַכט אַ שווערן, זייער אַ שווערן רושם. פּרץ איז געווען אַ שטאַרקער מענטש, מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. ער האָט געהאַט אַ שאַרף אויג צו זעען, אַ פיין אויער צום הערן,

אַ טיף האַרץ–צום פילן און אַ קונציקע פעדער צום באַשרייבן אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער וועלט.

אָבער דאָ האָט ער לענגער שוין ניט געקענט אויסהאַלטן. אַ וועלט גייט אונטער אין אַ שרעקלאַכן, משוגענעם חורבן, די מענטשן מאַכן מיט זייערע אייגענע הענט חרוב דאָס, וואָס מ׳האָט דורות־לאַנג געבויט אין שווערער אָנגעשטרענגטער אַרבעט! פרץ האָט געזען, ווי ווייט מיגלאַך, צו לינדערן די נויט פון די עלנטע היימלאָזע, האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן פאַר זיי היימען, קיכן, און זיך דערהויפּט אָפּגעגעבן מיט די קינדערלאַך פון די פאַרטריבענע און אַרויסגעשיקטע. אַ דאַנק אים איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע קינדער־היים אין וואַרשע, ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן צו דער אַרבעט! געזוכט געלט־מיטלען, אָוועקגעשענקט זיינע שענסטע מתנות, וואָס ער האָט באַקומען, געשריבן פאַר זיי מעשהלאַך און לידלאַך צו פאַרזיסן דעם צער פון די עופעלאַך. און אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער געפונען טרייסט און באַרואיקונג פון די שווערע טעג, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דאַן איבערגעלעבט.

אָבער זיין האַרץ האָט ניט געקענט אויסהאַלטן די גרויסע קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט און האָט אַזוי פיל צרות געבראַכט זיין הייס געליבטן פאָלק.

אין מיטן דער אַרבעט, זיצנדיק ביי זיין שרייבטיש מיט דער פען אין דער האַנט, איז ער געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאָג, שבת, דעם דריטן טאָג חול־המועד פסח פון יאָר תרע״ה (דעם 21־סטן מערץ 1915), האַלב ניין אַ זייגער אינדערפרי, „שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער״... זיינען געווען די לעצטע ווערטער, וואָס זיין גאָט־געבענטשטע האַנט האָט מיט אירע קליינינקע אותיולאַך אָנגעשריבן אויפן

פאפיר. אין א פרילינגס טאג איז ער געבארן געווארן, און אין א פרילינגס טאג האט אים דער גרויזאמער טויט צוגענומען פון אונז, און זיין ערלאכער געזאנג איז פלוצלונג איבערגעריסן געווארן אויף אייביק.

די גאנצע יידישע ווארשע, צענדליקער טויזנטער מענטשן פון אלע שיכטן און אלע קרייזן, שילער און זקנים, ארבעטער און אינטעליגענטן, שריפטשטעלער און סטודענטן, האבן באלעגערט אין דעם טאג פון זיין טויט די גאסן, וואס האבן געפירט אויף דער יערוסאלימסקער אלעע, צו דעם פינפגארנדיקן שיינעם הויז, וואו פרץ האט געוואוינט די לעצטע פינף יאר פון זיין לעבען. און אויף גאנצע וויארסטן האט זיך געצויגן דער לאנגער שטראם פון דעם הונדערט-טויזנט=קעפיקן עולם, וואס האט באגלייט דעם שווארצן ארון אויף דעם יידישן בית.עולם.

— ניטא שוין פרץ! האט ביי יעדערן געעקבערט אין מוח. און א טיפער נאגנדיקער ווייטאג האט געריסן דאס הארץ.

די ידיעה וועגן פרצעס טויט האט ווי א דונער געטראפן די גאנצע וועלט יידן. דאס גאנצע יידישע פאלק האט זיך עפעס דערפילט, ווי א יתום, פארזונקען אין א טיפן טרויער איבער דער גרויסער אבידה. און אומעטום אין אלע יידישע שטעט און שטעטלאך, האט זיך דאס פאלק צונויפגעקליבן אויף טרויער=פארזאמלונגען צו באוויינען דעם גרויסן מענטשן, וואס איז אונז אלעמען אפגעשטארבן, און צו טרויערן אויף דעם העלן ליכט, וואס איז אזוי אומגעריכט אויסגעלאשן געווארן!

און אלע יאר, אין דעם טאג פון יצחק=לייבוש פרצעס יארצייט ווערן די דאזיקע טרויער=פארזאמלונגען באנייט.

עס קומען זיך צונויף אַלע, וואָס ווייסן, ווער פּרץ איז געווען, און וואָס פילן, ווען מיר האָבן אין אים פאַרלאָרן, און כאָטש נאָך זיין טויט זיינען שוין יאָרן אַוועק, לאַנגע שווערע יאָרן פון מילחמות, מגפות, הונגער און יסורים, איז דער צער איבער זיין טויט נאָך ניט אָפּגעקילט. פּרצעס גייסט הערט ניט אויף צו שוועבן צווישן די לעבעדיקע און דאָס פאָלק קען ניט פאַרגעסן דעם גרויסן דיכטער, וואָס איז פון אונז אַוועק אויף אייביק.

## ו.

פּרץ איז געשטאָרבן. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ רייכע ירושה — זיינע ווערק, וואָס וועלן לעבן אייביק. ביז 15 גרויסע בענדער דערציילונגען, מעשהלאַך, שירים, דראַמען, אַרטיקלען האָט ער אָנגעשריבן — גאַנצע אוצרות, טיפע קוואַלן פּאָעזיע, פון וועלכע דאָס פאָלק וועט ניט אויפהערן צו טרינקען מיטן פולן מויל. דעם גאַנצן גרויסן גייסט זיינעם, זיינע טיפע איידעלע געפילן, זיינע וואונדערשיינע הייכע געדאַנקען האָט ער אַריינגעלייגט אין זיי, און לייענענדיק זיינע ווערק, לערנען מיר זיך אויך אויס טיפער צו פילן, בעסער צו פאַרשטיין, איידעלער צו זיין, שאַרפער צו זעען און צו הערן. פּרצעס ווערק וועקן אין אונז אַ שטרעבונג צו העכערס און שענערס, צו פרייערס און שטאָלצערס, פונקט ווי הויך און שיין, ווי פריי און שטאָלץ פּרץ אַליין איז געווען.

אין זיינע זאַכן האָט פּרץ אָפט אונז געשילדערט מיט אַ זעלטענער וואונדערלאַכער קראַפט די ליידן און פריידן, דאגות און האָפענונגען פון די אָרימע פאַרהאָרעוועטע פאָלקסשיכטן, דאָס טרויעריקע לעבן פון די יידישע אַרבעטס-מענטשן,

וואָס דאָס [illegible] קומט זיי אָן אַזוי שווע[illegible]ן ביטער. און [illegible] ער דיכטער אַרויס זיין טיפע ליבשאַפט צו [illegible]סטע און זיין ברויזנדיקן צאָרן קעגן די אונטערדריקע[illegible]

פרץ האָט געפילט אַ שרעקלאַכע שנאה צו יעדער מין קנעכטשאַפט, וואָס פאַרשקלאַפט די מענטשן. מיט דעם גאַנצן כּוח פון זיין נשמה האָט ער געהאַסט אַלץ, וואָס איז נידעריק, פאַלש, קליין און מיאוס, און פון אַלע זיינע ווערק, שלאָגט אונז אַנטקעגן אַ ברענענדיקע שטרעבונג צו שטאָלצער פרייהייט, אייביקער שיינקייט, צו אמת און יושר, צום גליקלאַכן שלום פאַר אַלע מענטשן אויף דער ערד.

פרץ האָט געגלויבט אין דער ליכטיקער צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, האָט געגלויבט אין דער גרויסקייט פון דער מענטשלאַכער נשמה, האָט געגלויבט אין דעם כּוח פון דעם מענטשנס אַרבעט. די אַרבעט האָט ער זייער געשעצט און זיין גרעסטער אידעאַל איז געווען, אַז די אַרבעט זאָל אויפהערן זיין אַן אָפּקומעניש, אַ שווערער יאָך, נאָר זאָל ווערן אַ קוואַל פון נחת און פאַרגעניגן, וואָס זאָל דערהייבן דעם מענטשן אויף אַ העכער מדרגה, מאַכן געזונט זיין גוף און נשמה.

זעענדיק די שלעכטע, די קליינלאַכע זייטן פון די מענטשן, האָט פרץ שטענדיק געזוכט צו געפינען אין דעם מענטשן דאָס הויכע און שיינע און אויסערגעוויינלאַכע. ער האָט פלייסיק געקליבן די מעשׂות און דערציילונגען, וואָס גייען אַרום אין פאָלק וועגן גרויסע מענטשן מיט שטאַרקע כאַראַקטערן, מיט גוטע הערצער, מיט איידעלע נשמות. און די דאָזיקע דערציילונגען און מעשׂות פון פאָלק, די „פאָלקס-

טימלאַכע געשיכטן" האָט פּ[illegible] געלייטערט זיי מיט זיין גרויסן גייסט, מ[illegible] מיט זיין וואונדערלאַכער שפּראַך. און אַ[illegible]כן דימענטשטיינדל שלייפט דער דימענט[illegible] אויס אַ וואונדערשיינעם בריליאַנט, וואָס גלאַנצט [illegible]ינקלט מיט אַלע קאָלירן און פאַרגעמט דאָס אויג מיט זיין פּראַכט, אַזוי האָט פּרץ, דער גרויסער דיכטער, אויסג[illegible]לייפט פון די פּשוטע פאָלקס־מעשות וואונדערשיינע הערלאַכע געשיכטן, וואָס געהערן צו די שענסטע זאַכן פון דער יידישער ליטעראַטור. ניט אַלע פון די דאָזיקע געשיכטן זיינען פאַרן קינדערשן שכל, אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען אויך פאַרשטענדלאַך פאַר קינדער, און אַזעלכע מעשות „ווי ביים גוסס צוקאָפּנס", „דריי מתנות", „זיבן גוטע יאָר", „דער קונצנמאַכער", „דער אוצר", „דריי חופּות", „אויב נישט נאָך העכער", „מלוה מלכּה", „דער אַרענדאַר", „דער דין־תּורה מיטן ווינט", „די פראַגע" און אַנדערע זיינען פאַר די יידישע קינדער די שענסטע, די וואונדערלאַכסטע מעשיות. זיי עפענען פאַר די לעזער גאָר אַ באַזונדערע וועלט, אַ וועלט פון שיינקייט און דערהויבנקייט, פון גייסטיקער גבורה און איידעלע נשמות, וועלכע זיינען זיך מקריב פאַרן צווייטן, זעען דאָס העכסטע גליק אין דער וועלט אין „העלפן אומגליקלאַכע, געפאַלענע אויפצוהייבן, קראַנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דאָרשטיקע די ליפּן צו נעצן, פאַרלוירענע צו זוכן און געפינען".

און אייביק, אייביק וועלן לעבן ביים פאָלק די הויכע שאַפונגען פון דעם גרויסן אומשטערבלאַכן יצחק־לייבוש פּרץ

# נייע אויסגאבן

## פון דער צענטראַלער שול=אָרגאַניזאַציע, ווילנע.

י. דאָברושין.

**אַ זון מיט אַ רעגן.** (לידער).

פ. פ. בלאָנסקי.

**די שול אין מערב=אייראָפּע און אַמעריקע.**

יידיש — א. י. גאָלדשמידט.

ל. גורליט.

**דער לערער, אַלס ערציאונגס=קינסטלער.**

פון דייטש מ. חיימסאָן.

ז. רייזען.

**י. ל. פרץ.** (זיין לעבן און זיינע ווערק).

שלום אַש.

**אַ היגטישע נשמה.**

ל. אנדרייעוו.

**וועלוול גיבור.** יידיש ד—ל.

**ס'ווערט צוגעגרייט צום דרוק נאָך אַ גאַנצע ריי פּעדאַגאָגישע**

**און קינדער=ליטעראַטור.**

# צענטראַלע ייד. שול-אָרגאַניזאַציע

ווילנע.

## זשורנאַלן:

(אויסגאַבן פון דער צ. ש.-אָ. ווילנע).

„גרינינקע ביימעלעך“, 2-וועכנטלעכער זשורנאַל פאַר ייִנגערע קינדער, 2-טער יאָרגאַנג.
„דער חבר“, חודשדיקער זשורנאַל פאַר עלטערע קינדער
„די נייע שול“, „ פּעדאַגאָגישער זשורנאַל, צווייטער יאָרגאַנג.
„שול און היים“ „ זשורנאַל פאַר עלטערן

## מעשהלעך:

(אויסגאַבן פון דער צ. ש.-אָ. ווילנע).

„די נאַרישופּטע קרעטשמע“ פון דניאל טשאַרני
3 מעשהלעך „ דודל
2 „ „ סאַשאַ טשאַרני
די געשיכטע פון א. ב. „ ש. ידידאָוויטש.

(אויסגאַבן פון דינעזאָן שול-פאַרלאַג, וואַרשע)

מסירת-נפש פון י. ל. פּרץ
יוחנן דער וואַסערטרעגער; דער באַס „ „
7 גוטע יאָר; דער אוצר „ „
3 מתנות; ס'איז גוט „ „
(פאָלקסטימלעכע געשיכטן באַאַרבעט פאַר יוגנט)

מגילת אסתר. י. ראַווין, פאַרלאַג „פאַר אונזער קליינוואַרג“, לאָדז
די קינדער-וועלט „ „ „ „
פאַר די קליינטשינקע „ „ „ „

## קינדער-פּיעסן:

צום ווייטן לאַנד י. פּאַט
רויטהיטעלע י. ראַווין (אויסגאַבע „פאַר אונזער קליינוואַרג“, לאָדז
בערעלע און פּערעלע „ „ „ „
ווייסשנייעלע „ „ „ „

## זאַמלונגען, לערנביכער און לייענביכער:

„לידער און שפּילן“ פון א. בולקין און ל. עפּראָן, זאַמלונג
רואיקע שפּילן „ א. בולקין „
ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען. „דאָס לעבעדיקע וואָרט“, כרעסטאָמאַטיע פאַרן 4-טן און 5-טן לערניאָר, (אויסגאַבע פון קולטור-ליגע, ווילנע)
מ. חיימסאָן. פיזישע געאָגראַפיע אין 2 ט. פאַרן 3-טן און 4-טן לערניאָר, אויסגאַבע פון דער צענטראַל. שול-אָרג., ווילנע.
„באַדנקענטשאַפט“ פון אַגראָנאָם קאַדישעס פאַרל. פון דער חברה „אָרט“ ווילנע
ש. אנ—סקי. די יידישע פאָלקסשאַפונג „ פון צענטר. שול-אָרג., ווילנע
טערמינאָלאָגיעס פון פיזיק, כעמיע, געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע, אריטמעטיק און אַלגעברע
אַרויסגעגעבן פון צענט. שול-אָרג., ווילנע.